

NEW YORK STATE | Department of Health | Medicaid NYRx

# שנעלע אינפארמאציע וועגן אייער NYS Medicaid פארמאסי בענעפיטן

## דא איז וואס איר דארפט וויסן:

- **NYRx**, די Medicaid פארמאסי פלאן דעקט אייערע פרעסקריפשאנס.
- איר קענט נוצן אייער **Medicaid ID קארטל** אדער אייער **העלט פלאן קארטל** צו אנפילן אייערע פרעסקריפשאנס.
- רוב פארמאסיס אין ניו יארק נעמען NYRx. **באזוכט** [health.ny.gov/NYRx](health.ny.gov/NYRx) **צו זען אויב אייער פארמאסי טוט אויך.**
- רוב דראגס און צוגעהערן, אריינגערעכנט דיאבעטיק טעסט סטריפס, זענען געדעקט דורך NYRx. **באזוכט** [health.ny.gov/NYRx](health.ny.gov/NYRx) **צו זען אויב אייערע דראגס און צוגעהערן זענען געדעקט,** אדער אויב זיי פאדערן באשטעטיגונג פון אייער דאקטער.

Medicaid NYRx דעקט מיטגלידער אריינגערעכנט אויב איר זענט איינגעשריבן אין א Medicaid מענעדזשד קעיר פלאן.

אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס וועגן אייער NYRx בענעפיטן, רופט די **NYS Medicaid Helpline:**

**(800) 541-2831**

אדער באזוכט

**[health.ny.gov/NYRx](health.ny.gov/NYRx)**

איר קענט אויך סקענען די QR קאוד אונטן

## שנעלע פאקטן

### וואס איז NYRx?

דורך NYRx, דעקט NYS Medicaid אייערע דראגס און צוגעהערן דורך צאלן אייער פארמאסי דירעקט, אנשטאט צו צאלן אייער העלט פלאן.

### וועל איך דארפן האבן א נייע העלט פלאן ID קארטל?

ניין, איר וועט נישט דארפן האבן א נייע העלט פלאן ID קארטל פאר NYRx. די פארמאסיסט קען נוצן אייער גילטיגע העלט פלאן אדער Medicaid ID קארטל.

### וואס איז אויב מיין פארמאסי נעמט נישט NYRx?

אויב אייער יעצטיגע פארמאסי ***טוט נישט*** נעמען NYRx, קענט איר:

- בעטן אייער פארמאסיסט צו אריבערפירן א ריפיל צו א באטייליגנדע פארמאסי.
- בעטן אייער דאקטער צו שיקן אייערע פרעסקריפשאנס צו א באטייליגנדע פארמאסי.

### וואס איז אויב מיינע דראגס און/אדער צוגעהערן פאדערן באשטעטיגונג פון מיין דאקטער?

אויב אייערע דראגס און/אדער צוגעהערן פאדערן באשטעטיגונג פון אייער דאקטער, זאלט איר:

- רעדן צו אייער דאקטער וועגן פארלאנגען באשטעטיגונג; אדער
- רעדט צו אייער דאקטער אדער פארמאסיסט וועגן אנדערע דראגס און/אדער צוגעהערן וואס פאדערן נישט קיין באשטעטיגונג.

NEW YORK STATE Medicaid NYRx Department of Health

**האט איר פראגעס אדער ווילט איר וויסן מער?**

סקענט די QR קאוד אויף די לינקע זייט. אדער פארבינדט זיך מיט די **NYS Medicaid Helpline** ביי: **(800) 541-2831**

העלפליין שעות: **מאנטאג ביז פרייטאג 8AM - 8PM, שבת 9AM-1PM**